ב"ה

שבט גליון (ב) תשע"ב

# השגחה פרטיות

**מטרתו:**
**להסיק מסקנות הלכה למעשה ממה שאנו רואים השגחה פרטית בכל יום על כל צעד ושעל**

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א - קרית יואל - כתה ח'

## מצות שכחה...

יודא פארגעס

איינמאל האט מיין מאמע תחי' מיר געהייסן גיין קויפן אין גראסערי מילך מיט נאך עפעס, איך האב געקויפט די מילך, און ווען איך בין שוין געווען ביי די טיר פון מיין הויז האב איך זיך דערמאנט אז איך האב פארגעסן די צווייטע זאך, און איך האב געטראכט אז איך בין שוין ביי די טיר לאמיר קודם אריינגיין אינדערהיים אראפ לייגן די מילך.

ווי איך קום אריין זאגט מיר מיין מאמע אז מיין שוועסטער איז יעצט אהיים געקומען און זי האט געקויפט די צווייטע זאך, און נאך א מזל אז איך האב פארגעסן... ווייל ווען איך וואלט נישט פארגעסן וואלט איך עס ווען געדארפט צוריק טראגן.

## מעבירין מפני הדליקה

לוי יצחק גליק

מיין טאטע ארבעט אין א גראסערי ביז שפעט ביינאכט. איין טאג איידער ער איז אוועק געגאנגען פון די גראסערי האט ער מחליט געווען צו גיין קוקן ארום די גראסערי, ער האט אליינס נישט געוואוסט פארוואס.

ווען ער איז אנגעקומען אונטער די גראסערי באמערקט ער צו זיין שרעק אז עס ברענט... זעהט אויס אז איינער האט אראפגעווארפן א ציגארעטל, און עס האט זיך אנגעכאפט, און ווען נישט דאס וואס ער גייט ארום קוקן דעם געשעפט - א זאך וואס ער פלעגט קיינמאל נישט טון - וואלט ווען געקענט זיין א שרעקליכע שריפה ל"ע.

## אנגעקומען צום ברית

ראובן יוסף שעהר

מיין פעטער פון מאנטריאל איז געווען אין וויליאמסבורג, און ער האט געדארפט אהיים פארן.

ער האט נישט געוואלט דרייוון אזא לאנגן וועג אליין, האט זיך זיין זון אנגעטראגן אז ער וועט אים דרייוון ביז קרית יואל, און דארט וועט דער זון נעמען דעם קרית יואל באס אהיים קיין וויליאמסבורג, און דער טאטע וועט פארן ווייטער קיין מאנטריאל.

למעשה האט דער וועג גענומען לענגער ווי געפלאנט, און דער זון האט מורא געהאט אז ער וועט שוין נישט כאפן דעם קרית יואל באס קיין וויליאמסבורג, האט ער אנגעקלאלט א זון פון ר' חיים פריינד, וואס ארבעט ביי די באסעס, און ער האט אים געבעטן אז ער זאל אים זאגן וואו ער קען טרעפן דעם באס פאר ער פארט אריין אין טראוועי, און ער האט אים דערציילט די גאנצע מעשה.

ווען ר' חיימ'ס זון האט געהערט די מעשה איז ער אויפגעשפרונגען פון די מורא'דיגע השגחה פרטיות, און ער דערציילט אז זיין טאטע איז פונקט געפארן אויף א ברית קיין מאנטריאל, און ער האט דא איבערגעלאזט די קוגלעך וואס מ'האט געמאכט צום ברית. און ער ווייסט נישט וואו ער זאל אנהייבן צו זוכן א וועג אז די קוגלען זאלן קענען אנקומען, און דא פלוצלונג האט ער א קאר וואס פארט קיין מאנטריאל...

דער פעטער האט טאקע אויפגענומען די קוגלעך און אפגעטראגן צום ברית.

## די ריכטיגע משניות

מנחם זאב קליין

ווען איך האב געדארפט אנהייבן צו לערנען א נייעם סדר משניות, האב איך געוואלט אנהייבן צו לערנען מסכת כלים. אבער איך האב נישט געוואוסט ווי אזוי מען הייבט אן אזא שווערע מסכת. איך האב געטראכט וועלכע משניות קען זיין גוט פאר דעם.

אין יענע מינוט קומט אריין אין ביהמ"ד מיין פאריעריגע רבי שליט"א און ער פרעגט מיך וואס איך פלאן צו לערנען, זאג איך אים אז איך וויל לערנען מס' כלים. זאגט ער מיר אז אין ספרים סטאר איז דא א משניות מיט גוטע בילדער.

איך בין געגאנגען אין ספרים סטאר קויפן די משניות, ווען איך האב שוין געהאלטן ביים באצאלן האב איך זיך דערמאנט אז פונקט נעכטן זאגט מיר איינער אז עס איז דא א משניות וואס צוטיילט מס' כלים אין דריי חלקים, יעדע צען פרקים אין א עקסטערע באנד. האב איך באמערקט אז איך האב טאקע נישט גענומען די משניות וואס איך האב געזוכט, און איך האב גענומען די צווייטע משניות וואס איך האב געדארפט. אזוי האב איך געזעהן צווי מאל השגחה פרטיות.

## געטראפן די דירה

אלי' פריעד

מיר זענען אריינגעפארן קיין וויליאמסבורג אויף שמחת תורה, און מיר זענען איינגעשטאנען אין א דירה אין בעדפארד-גארדענס.

מיין טאטע האט געלאדנט אז מיין פעטער זאל אויך קומען איינשטיין צוזאמען מיט אונז, אבער ער האט נישט געוואוסט ווי מיר וואוינען און וואו ער זאל גיין.

אזוי גייענדיג קומט צו גיין א איד, וואס שטעלט זיך פאר אלס דער ברודער פונעם בעה"ב פון די דירה, און ער פרעגט מיין פעטער "נו, דו גייסט יעצט צו דיין ברודער?".

זאגט ער אים "יא, אבער איך ווייס נישט וואו צו גיין".

ווי פארשטענדליך האט אים יענער באלד צוגעוויזן וואו זיין ברודערס דירה איז, און מיין פעטער האט געלויבט השי"ת וואס ער האט צוגעשיקט דעם ריכטיגן שליח אין די ריכטיגע מינוט.

## א טייערע שאלה...

שלמה מנשה פריעדמאן

איינמאל דאנערשטאג נאכט ווען מיין מאמע תחי' האט צוגעגרייט די פיש לכבוד שבת, האב איך זיך סתם אזוי אנגערופן "וויפיל קאסט די פיש לכבוד שבת?".

עס האט מיך באמת נישט צופיל אינטערעסירט, נאר אזוי האט זיך ארויסגעכאפט די פראגע פון מיין מויל.

מיין מאמע האט גענומען דעם רעסיט פון די פיש צו קוקן די פרייז האט זי באמערקט אז עס איז געשעהן א טעות, און ווען איך וואלט ווען נישט געפרעגט די פראגע, וואלט מען עס ווען נישט באמערקט.

## א געלונגענער ווערטל

קלונימוס אליעזר גראס

מיין טאטע שליט"א האט עפעס געקויפט ביי פת שחרית, און ווילענדיג זיך באדאנקען פארן מוכר האט ער געזאגט א ווערטל "זיי געבענטשט, און קריאת שמע געליינט"...

דארט איז געשטאנען א אינגערמאן וואס האט דאס געהערט איז ער אויפגעשפרינגען און געקוקט אויפן זייגער און געזעהן אז עס איז שוין כמעט סוף זמן קריאת שמע, און ער האט פונקט היינט פארגעסן צו ליינען קריאת שמע בזמנה, און דאס ווערטל האט אים ממש געראטעוועט אז ער זאל נישט עובר זיין אויף אזא הארבן ענין.

מיין טאטע האט דאס מפליא געווען ווייל ער איז צוגעוואוינט אלעמאל צו וואונטשן "זיי געבענטשט", און היינט צום ערשטן מאל איז אים אריינגעקומען אין מויל צו זאגן בדרך הלצה "און קריאת שמע געליינט", און ער האט מיט דעם זוכה געווען צו מזכה זיין א איד מיט מצות קריאת שמע בזמנה.

## השגחה פרטית

יעקב הכהן גלאנץ

מיר האבן געהאט א קרוב וואס איז געווען איבערן זומער אין "אחדות" באנגעלאו קאלאני, און מיר האבן געדארפט האבן א שליח וואס זאל אונז קענען עפעס ברענגען פון דארט.

ווען מיר האבן געפרעגט אונזערע קרובים צי עס איז דא דארט א שליח וואס פארט קיין קרית יואל, האבן זיי געזאגט אז עס איז יעצט דארט דא ביי זיי אין די באנגעלאו א אינגערמאן פון קרית יואל וואס מאכט 'ווערטיקעלס'. זיי האבן אים געפרעגט צי ער וואלט ווען גענומען א פעקל צו טראגן קיין קרית יואל, און ער האט זייער גערן מסכים געווען.

ווען מיר האבן געהערט אז א אינגערמאן וואס מאכט 'ווערטיקלס' קומט אונז ברענגען א פעקל, האבן מיר געטראכט אז באמת האבן מיר שוין געוואלט פאררעכטן אונזערע ווערטיקלס, און ווען יענער איז געקומען האבן מיר אים אנגעטראגן די ארבעט, און ער האט דאס אנגענומען און ער האט געמאכט זייער א שיינע ארבעט.

ווען מיר האבן אים געוואלט באצאלן פאר די ארבעט, האט ער געזאגט אז ער וויל נישט נעמען באצאלט, ווייל זיין זון האט געלערנט ביי אונזער טאטע שליט"א, און אלס הכרת הטוב וויל ער נישט נעמען קיין געלט.

מיר זענען געבליבן שטיין און געשטוינט פון די וואונדערליכע השגחה פרטיות אז אין יענע מינוט וואס מיר האבן געזוכט א שליח האט ער 'פונקט' געארבעט ביי אונזער קרוב, און 'פונקט' האבן מיר געדארפט די זעלבע ארבעט, און 'פונקט' האט זיין זון געלערנט ביים טאטן, האבן מיר געזעהן אז דער גוטער באשעפער פירט די וועלט, 'פונקט' ווי אזוי ער וויל.

## אין די ריכטיגע מינוט

משה נתן נטע פערל

ווען מיר זענען אהיים געפארן פון מיין מומעס תנאים וואס איז געווען אין מאנטריאל, איז מען געפארן אויף א געדרייטע וועג, און עס איז געווען אינמיטן ווינטער ווען עס איז געווען איבער געדעקט מיט א דינע שיכט אייז וואס איז אוממעגליך געווען צו באמערקן.

אינמיטן האט זיך די קאר געגעבן א גליטש און אריינגעהאקט אין די צוים אין די זייט פונעם וועג, און די קאר איז צובראכן געווארן, אבער ב"ה קיינער פון די וואס זענען געווען אין די קאר זענען נישט געשעדיגט געווארן.

מיר זענען געבליבן שטיין אינמיטן וועג און מיר האבן נישט געזעהן קיין מעגליכקייט ווי אזוי מיר זאלן אנקומען אהיים.

מיין טאטע האט אנגערופן מיין פעטער וועלכער איז אויך געווען אינמיטן וועג אהיים פון מאנטריאל, און ער האט איהם געפרעגט וואו ער געפונט זיך יעצט. האט ער געענטפערט וואו ער איז, און עס האט זיך ארויס געשטעלט אז ער איז געווען עטליכע מינוט אונטער אונז.

ווען ער איז אנגעקומען האט מען אנגעהויבן צו טראכטן וואס מ'קען טון ווייטער, ווייל מיר האבן געהאט א אנגעפולטע קאר, און ער האט געהאט א אנגעפולטע קאר, און עס איז נישט מעגליך געווען אז מ'זאל קענען צוזאמען שטעלן ביידע קארס אין איינס.

פלוצלונג זעהן מיר ווי די היימישע מאנטריאלער באס קומט צו פארן, מיין פעטער האט אפגעשטעלט די באס און געבעטן אויב עס איז דא פלאץ פאר עטליכע מענטשן. עס זענען דארט געווען עטליכע אידן וואס זענען געקומען פון אונזער שמחה און זיי האבן געזעהן אז מ'זאל קענען מאכן פלאץ פאר אונז. דעמאלטס האט מען ערלעדיגט אז מ'זאל ארויסשלעפן די קאר, און מיין טאטע איז אהיימגעקומען מיט מיין פעטערס קאר.